ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאְרְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת מִקֵּץ

תשפ"ד

327

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיּוֹם? ........ א
וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ שְׁנֶעלֶער טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ? ........ ג
וִוי אַלְט דַארְף מֶען זַיין צוּ קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ? ........ ג
מֶעג מֶען אָפְּכַאפְּן בִּילְדֶער פוּן חָתָן כַּלָּה פַאר פַּרְנָסָה? ........ ד
וִוי אַזוֹי קֶען אַ חַבֵר זַיין אַזוֹי הַארְצְלָאז צוּ אַ צְוֵוייטְנְ'ס גֶעפִילְן? ........ ה
גֵיין צוּם דָאקְטֶער אִיז אַ חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה? ........ ז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


בִּיסְט מְחַיֶ' אַזוֹיפִיל אִידְן מִיטְ'ן מְתַרְגֵם זַיין דִי שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת ........ א
ווארוּל אִיז עֶנְק אַז עֶנְק הֶעלְפְן מַגִיהַ זַיין דִי בְּרִיוו אוּן דִי גִלְיוֹנוֹת ........ א
נִישְׁט אַוֶועקְקֻיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן אַפָּאר קֶעסְטְלֶעךְ צֵיינֶער ........ ב
דִי שְׂכַר פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת וָואס לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן ........ ג
דַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען הֶפְקֵר, אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית ........ ד
לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶעס ........ ו
מֶען מֶעג זָאגְן אַ קִינְד אַ גוּט וָוארְט, אֲפִילוּ בֶּעפָאר עֶס קוּמְט זִיךְ אִים ........ ו
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא אוּנְזֶער "פּוֹדֵינוּ וּמַצִּילֵנוּ" ........ ז
כִּי טוֹב הַשֵּׁם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט ........ ח
רֶעדְן דְרֵיי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ ט
אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ לֶעבֶּעדִיג ........ י
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ גֶעפִיל אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אֵיידְל ........ י

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע זִינְד, קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען ............... יא
נֶעם זִיךְ מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים, וֶועלְן דַיינֶע אוֹיגְן בְּלַייבְּן אָפְּגֶעהִיטְן ...................יב
אִין דִי צַייט וָואס דִי עֶסְן קָאכְט, קֶען מֶען צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ ...................יב
מִיט אַ וַוייבּ רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס ................................... יג
קֵיינֶער, אוּן טַאקֶע קֵיינֶער, קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן...................................יד
אַז עֶס דְרוּקְט נָאכְאַלְץ, זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל בֶּעטְן; בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען אַ נֵס.............. טו
תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט רְפוּאוֹת .................................. טו
וֶוען אַ מַאמֶע שְׁרֵייט, בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל ...................................... טז
אַ טַאטֶע מַאמֶע טֵיילְט מֶען נִישְׁט אַיין וָואס צוּ טוּן.................................. יז
לָאזְט נִישְׁט אַרַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערֶע קָאפְּלְס.............................. יז
וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן ...........................יח
טוּ אַלֶעס צוּ קֶענֶען צָאלְן שְׂכַר לִימוּד ........................................יח
אֵיינְמָאל אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִיר שׁוֹין הָאבְּן אַלֶעס ..................... יט
דִי בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט הוּט אוּן רֶעקֶל ..........................כ
מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֵיי מַאכְן פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.........................כ
אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז גָארְנִישְׁט דָא............................................ כא
הַכְנָסַת אוֹרְחִים דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ טוּן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג...............כב
אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט........................... כג
בַּאשֶׁעפֶער, דוּ גֶעבְּסְט מִיר נָאר גוּטְס, אוּן אִיךְ בִּין נָאר פוּל מִיט טַעֲנוֹת? ............ כג
מַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, תְּמִימוּת, אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים ........כד
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט שִׂמְחָה ..................כד
מַאךְ נִישְׁט קַיין אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מַצָב אִין שְׁטוּבּ ....................................כו
גֵיי נָאךְ גֶעלְט אוּן בְּרֶענְג עֶס אִין אָפִּיס פוּן דִי מוֹסָד צוּ צָאלְן מְלַמְדִים..................כז
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין זוּן....................................כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיּוֹם?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אוּן מָאנְט פוּן מִיר, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדֶע מַצָב, דָאס אִיז וָואס הֶעלְפְט מִיר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע סָארְט מַצָבִים אִין מַיין לֶעבְּן.

יֶעצְט צוּם שְׁאֵלָה, מַיין סֵדֶר הַיּוֹם אִיז זֵייעֶר צֶעפָּארְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְקְלוֹיבְּן אוּן פָּשׁוּט גֵיין שְׁלָאפְן, בַּיינַאכְט קֶען אִיךְ שְׁמוּעֶסְן צְווֵיי דְרֵיי שָׁעָה מִיט חֲבֵרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן פוּן דֶער הֵיים, גֶעווֶענְלִיךְ פִיר אִיךְ דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט בַּיינַאכְט. אוּן יֶעצְט נָאכְן דוּרְכְגֵיין נָאךְ אַזַא נַאכְט, בֶּעט אִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט ווַייטֶער אָנְגֵיין אַזוֹי.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין ווַייבּ, אָנְהוֹיבּ נַאכְט ווֶעל אִיךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִיר, אוּן ווֶען זִי גֵייט שׁוֹין שְׁלָאפְן, דֶעמָאלְט גֵיי אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע שְׁמוּעֶסֶערֵייעֶן.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיּוֹם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דָאס אַז דַיין סֵדֶר הַיּוֹם אִיז צֶעפָּארְן, דוּ הוֹיבְּסְט אָן בַּיינַאכְט דַיין טָאג – דָאס אִיז נִישְׁט דֶער פְּרָאבְּלֶעם, אַסַאךְ הָאבְּן אַזַא נַאטוּר פוּן אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק שָׁעוֹת פַּאר נַארִישְׁקֵייטְן, צוּ רֶעדְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים – אַנְשְׁטָאט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

פַאר וֶועם גֶעבְּסְטוּ אַוֶועק דַיין טֵייעֶרֶע צַייט? פַאר חֲבֵרִים?! מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן אִין דִי זַאךְ פוּן חֲבֵרִים, אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, מֶען גֶעבְּט אַוֶועק פוּן זִיךְ פַּאר אַנְדֶערֶע, אוּן שְׁפֶּעטֶער בַּאגְרָאבְּן זֵיי דֶעם מֶענְטְשׁ; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין פַארְן אַוֶועק גֶעבְּן פוּן זִיךְ פַּאר מֶענְטְשְׁן וָואס יֶעצְט זֶענֶען זֵיי דִי גְרֶעסְטֶע פַיינְט.

חֲבֵרִים אִיז נָאר עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן עֶרְלִיכֶע אִידְן מִיטְן טִיטְל 'חָבֵר', דִי וָואס שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים; אָבֶּער סְתָּם פְּלוֹישְׁן, רֶעדְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים – דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע צָרָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים אִיז אַ בְּחִינָה פוּן זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלַן.

אַז דַיין נַאטוּר אִיז גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט – זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי נֶעכְט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַז דוּ בִּיסְט אוֹיף בַּיינַאכְט – זָאלְסְטוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין סה.): "לֹא אִיבְרִי סִיהֲרָא אֶלָּא לְגִירְסָא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי לְבָנָה זָאל שַׁיינֶען בַּיינַאכְט נָאר אַז מֶען זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל דִי נַאכְט אִיז נָאר גֶעמַאכְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, נָאךְ זָאגְן זֵיי (טוּר יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמו): "מִי שֶׁיִּרְצֶה לִזְכּוֹת בְּכֶתֶר שֶׁל תּוֹרָה, יִזָּהֵר בְּכָל לֵילוֹתָיו וְלֹא יְאַבֵּד אֲפִילוּ אַחַת מֵהֶן", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְרוֹין פוּן תּוֹרָה זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיינַאכְט אוּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אֲפִילוּ אֵיין נַאכְט אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ שְׁנֶעלֶער טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט, אִיךְ וִויל שׁוֹין זֵייעֶר טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער בַּיי אוּנְזֶער קְרַייז הָאט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ חֲתוּנָה נָאר פוּן אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אוּן אַרוֹיף; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט דִי פְּלַאץ, מִיט יֶענֶע פְּלַאץ; אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ.**

**נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת".**

**אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ - וָואס דוּ טוּסְט, וַוייל שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

### ווִי אַלְט דַארְף מֶען זַיין צוּ קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זֶענֶען בֶּאֱמֶת אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק פַאר מִיר, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווי אַלְט, אוּן וִויפִיל חָכְמָה דַארְף מֶען הָאבְּן, צוּ קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זוֹהַר, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק ווי אַלְט מֶען אִיז, מֶען קֶען שׁוֹין זָאגְן זוֹהַר אַלְס קְלֵיין קִינְד. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק פוּן קָאמַארְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹצֵר חֶסֶד אָבוֹת, פֶּרֶק ד): "לוּ עַמִּי שׁוֹמֵעַ לִי", הַלְוַאי זָאל מֶען מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, "בַּדּוֹר הָרַע הַזֶּה", אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, "שֶׁהַמִּינוּת גּוֹבֵר", וָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס - "הָיָה לְמֵדִים עִם תִּינוֹק בֶּן תִּשְׁעָה שָׁנִים סֵפֶר תִּיקּוּנֵי זוֹהַר לַהֲגוֹת בָּהּ", וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער פוּן דִי נַיין יָאר זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, "וְהָיָה אָז יִרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ", וָואלְט דָאס זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; קוּק נָאךְ אִינֶעם סֵפֶר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל, ווייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּרְךְ תּוֹרָה וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶעג מֶען אָפְּכַאפְּן בִּילְדֶער פוּן חָתָן כַּלָּה פַאר פַּרְנָסָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ טוּ פָאטָאגְרַאפְיֶע פַאר פַּרְנָסָה, צוּ כַאפְּן בִּילְדֶער בַּיי שִׂמְחוֹת וְכַדּוֹמֶה. אִיךְ הָאבּ

גֶעוואָלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַאר מִיר צוּ כַאפְּן פְּרִיוואַטֶע בִּילְדֶער פוּן חָתָן כַּלָה אִין יִחוּד שְׁטִיבְּל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ אָפְּכַאפְּן בִּילְדֶער פוּן חָתָן כַּלָה, פַּארְקֶערְט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן חָתָן אוּן כַּלָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן צ) **: "מִי שֶׁמְּשַׂמֵּחַ חָתָן וְכַלָּה, יִזְכֶּה שֶׁתֵּלֵד אִשְׁתּוֹ זְכָרִים", וֶוער עֶס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ חָתָן אוּן כַּלָה - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אִינְגְלֶעךְ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**ווִי אַזוֹי קֶען אַ חַבֵר זַיין אַזוֹי הַארְצְלָאז צוּ אַ צְווֵייטְנְ'ס גֶעפִילְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ קוּרְצֶע צַייט נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן מַיין שְׁטוּבּ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג בָּרוּךְ הַשֵׁם, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וויפִיל טָעוּתִים אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעמַאכְט אָן ווִיסְן פוּן דִי אַלֶע עֵצוֹת.

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ עֶס אִיבֶּערְצֵייגְט אוֹיף מַיין אֵייגֶענֶע הוֹיט. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאנְט מִיט מִיר נָאךְ אַלְס בָּחוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל גֶעבָּארְגְט זַיין טֶעבְּלֶעט צוּ זֶען מַיין אִימֶעיל, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גוּט אוֹיס מִיט אַ טֶעבְּלֶעט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶס אַרוֹיסְצוּסֵיינֶען, אוּן אַפָּאר חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר

גֶעוָוארְן אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעסֵיינְט, עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַלֶע מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע אִימֶעילְס, אוֹיךְ אִימֶעילְס צְווִישְׁן מִיר אוּן מַיין ווַייבּ, אוּן עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶערְצֵיילְט פַּאר אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים אַסַאךְ זַאכְן פוּן מַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם אַז פַּאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן פוּן צַעַר, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי הַארְצְלָאז צוּ אַ צְווֵייטְנְ'ס גֶעפִילְן, וָואס הָאט עֶר פַארְדִינְט פוּן פַארְשֶׁעמֶען אַ נָאנְטֶער חָבֵר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי בֶּעטְן בַּיי אוּנְז מִיר זָאלְן אָנְנֶעמֶען וָואס עֶר זָאגְט, מֶען זָאל זִיךְ גוּט אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חֲבֵרִים, מֶען זָאל נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט וַוייזְן: "קוּקְט מִיךְ אָן, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֶערְנְט אוֹיף מַיין בָּארְד, אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן צַייט פַּאר מֶענְטְשְׁן, גֶעלְט אוּן כֹּחַ, אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי מִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ סַכָּנָה", יֶעדֶע וָואךְ בַּיים שִׁיעוּר פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְן פוּן דֶעם, מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ צָרָה אוּן עֶס קוּמְט אֵיינֶער אוּן אִיז אִים מְחַזֵק - דֶער אִיז אַ חָבֵר, אָדֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט הָאבְּן מִיט אִים אוּן אֵיינֶער בְּלַייבְּט נָאנְט מִיט אִים, עֶר שְׁטַארְקְט אִים - דָאס אִיז אַ חָבֵר. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן יְהוּדָה מִיט תָּמָר, עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לח, א): "וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו", יְהוּדָה אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער, "וַיֵּט עַד אִישׁ עֲדֻלָּמִי", עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מַאן וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטָאט עֲדֻלָּם, שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט (שָׁם, יב; כ) יְהוּדָה הָאט גֶעשִׁיקְט פְרֶעגְן "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", זַיין חַבֵר פוּן עֲדֻלָּם; פַארְוָואס קוֹדֶם שְׁטֵייט "אִישׁ עֲדֻלָּמִי" דֶער מַאן פוּן עֲדֻלָּם, שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", זַיין חַבֵר פוּן עֲדֻלָּם? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער

בִּזְיוֹנוֹת, עֶס אִיז אַ בִּזָּיוֹן צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען ווער זֶענֶען דִי חֲבֵרִים; דֶער וָואס בְּלַייבְּט רֶעדְן מִיט דִיר וֶוען דוּ הָאסְט אַלֶעס פַּארְלוֹירְן, וֶוען מֶען אִיז אֵיינֶער אַלֵיין וְכוּ' וְכוּ' - דֶער אִיז אַ חַבֵר. אָנְהוֹיבּ וֶוען יְהוּדָה הָאט גֶעטְרָאפְן אַ חַבֵר פוּן עֲדֻלָם, רוּפְט דִי תּוֹרָה אִים נָאכְנִישְׁט אָן "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט גוּט, מֶען הָאט מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט קַיין חַבֵר, שְׁפֶּעטֶער וֶוען יְהוּדָה הָאט גֶעהַאט זַיין פַּרְשָׁה, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַן עֵצָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "תִּקַּח לָהּ, פֶּן נִהְיֶה לָבוּז", עֶס וֶועט זַיין דָא בִּזְיוֹנוֹת, הָאט עֶר וַוייטֶער מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְן יְהוּדָה - דָאס הֵייסְט "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

פוּן אֵיין זַייט בִּיסְטוּ פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאסְטוּ יֶעצְט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע הוֹיט וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְשְׁטַאנְד צוּ טוּן; זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן קוּקְן אוֹיף דִי לֶעבְּן מִיט אַן אֱמֶת'ן בְּלִיק, אִינְוֶועסְטִיר אִין שְׁטוּבּ; אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים - זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֶעבְּן צַייט פַאר דַיין שְׁטוּבּ; פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן אִין גְמָרָא, נֶעם דִי תְּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים פַאר דַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְט, זֵיי וֶועלְן דִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, זֵיי וֶועלְן דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט דִיר בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין צוּם דָאקְטֶער אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיִשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, מִיר בַּאקוּמֶען אַסַאךְ חִיזּוּק פוּן דִי דְרָשׁוֹת.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי מִיר הַאלְטְן אוּמְגֶעפֶער אַ יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן

מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, זָאלְן מִיר גֵיין צוּם דָאקְטֶער דֶערְוֶועגְן, אָדֶער אִיז דָאס אַ חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיין צוּם דָאקְטֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אֱמוּנָה, מֶען קֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער דָאקְטֶער אִיז אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער דָאקְטֶער קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סב) אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער חֵטְא הָעֵגֶל, מֶען הָאט גֶעמַאכְט פוּן דִי סִיבָּה - אַ מְצִיאוּת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל גֵיין צוּם דָאקְטֶער אָבֶּער נִישְׁט מַאכְן אַ מְצִיאוּת פוּן אִים אוּן טְרַאכְטְן ׳דֶער דָאקְטֶער הֵיילְט אוֹיס׳, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דֶער דָאקְטֶער אִיז נָאר אַ סִיבָּה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי פַּרְנָסָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַז דִי פַּרְנָסָה אִיז נָאר אַ סִיבָּה, מֶען מֵיינְט אַז דִי פַּרְנָסָה גֶעבְּט הַצְלָחָה; חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן אַזוֹי, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה דוּרְךְ דִי וֶועג וְכוּ׳.

אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען טוּט גוּטֶע זַאכְן, מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, מֶען טוּט גְּמִילוּת חֲסָדִים - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ב:) אַז דֶער שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בִּיסְט מְחַיֶּ׳ אַזוֹיפִיל אִידְן מִיטְ׳ן מְתַּרְגֵּם זַיין דִי שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה׳תשפ״ד, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט אַרוֹיס מְתַּרְגֵּם זַיין דִי שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת, אוּן אַזוֹיפִיל אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אִין זֵיי אַ חַיּוּת, עֶס מַאכְט לִיכְטִיג גַאנְצֶע שְׁטִיבֶּער - זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר שֶׁענְקֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**ווּאוֹיל אִיז עֶנְק אַז עֶנְק הֶעלְפְּן מַגִּיהַ זַיין דִי בְּרִיוו אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה׳תשפ״ד, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן**

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, צְפַת**

ווּאוֹיל אִיז עֶנְק אַז עֶנְק הֶעלְפְּן מַגִּיהַ זַיין דִי בְּרִיוו אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיס אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מְתוּרְגָּם יֶעדֶע וָואךְ.

דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי מְחַיֶּ׳ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ״כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים״ - זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים גְרוֹיסֶע זַאכְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן אַפָּאר קֶעסְטְלֶעךְ צֵיינֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ מַאכְסְט נִישְׁט וַוייטֶער וֶועכְנְטְלִיךְ דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועט זֵיי דָאס הֶעלְפְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְן; לֵייג דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער פַּאר דַיין עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, דָאס אִיז וִויכְטִיגֶער וִוי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר עֶלְטֶערֶע; לָאז נִישְׁט אוֹיס קַיין אֵיין וָואךְ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַּאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַ זוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיינֶע לִיפְּן פְלֶעגְן שֶׁעפְּשֶׁען אַ גַאנְצְן צַייט תְּפִילּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָארְטְן מִיט אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז, וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי אַבְרָהָם זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק, עֶר פַאְרמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן הוֹיבְּט אָן זָאגְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נָאר רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל נָאר זֶען דִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַּאר מִיר״; רֶבִּי אַבְרָהָם פַּארְגֶעסְט וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, עֶר הוֹיבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל מִיט אַזַא בֶּענְקֶעניש, דֶער תַּלְמִיד זֶעט ווִי זַיין רֶבִּי אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, גֵייט עֶר אִין דִי זַייט אוּן עֶר אִיז זִיךְ אוֹיךְ מִתְבּוֹדֵד.

דָארְט אִין גָארְטְן שְׁפַּאצִירְן אוֹיךְ גוֹיִם, וֶוען זֵיי זֶעעֶן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם ווִי עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֵיינֶען זֵיי אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ מְשׁוּגָע׳נֶער וָואס רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַוֶועק, זֵיי לַאכְן, זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִיק, ״הַא, הַא, הַא, אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, קוּק ווִי עֶר רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין...״

דֶער תַּלְמִיד זֶעט ווִי מֶענְטְשְׁן לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר גֵייט צוּ

צום צַדִיק און זָאגְט: "אוֹי וֵויי, מֶען לַאכְט פון רֶבִּי'ן"; דֶער צַדִיק עֶפְנְט דִי אוֹיגְן און זֶעט ווִי אַלֶע לַאכְן, און זָאגְט: "אִיךְ וֶועל נִישְׁט אַוֶועקְגֶעבְּן מַיין עוֹלָם הַבָּא פַאר אַ קֶעסְטְל צֵיינֶער"; עֶר גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר זַיין תַּלְמִיד: "וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶענְטְשְׁן לַאכְן און שְׁפֶּעטְן? גָארְנִישְׁט, אֵיין זַאךְ פַּאסִירְט, זֵיי וַוייזְן מִיר זֵייעֶרֶע צֵיינֶער, וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן אַפָּאר קֶעסְטְלֶעךְ צֵיינֶער"; דֶער צַדִיק פַארְמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן און רֶעדְט וַוייטֶער צום אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס לַאכְן און שְׁפֶּעטְן, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען פון דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי וָואס לַאכְן און שְׁפֶּעטְן, נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פון אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן אַ קֶעסְטְל צֵיינֶער.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי אַ אִיד זִיצְט אִין אַ גָארְטְן מִיט דִי הֶענְט צום הִימְל און עֶס שְׁטֵייעֶן אִין דִי זַייט גוֹיִם וָואס לַאכְן פון אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי שְׂכַר פון דִי נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת וָואס לַיידְן און שְׁוַוייגְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער; אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַייעֶר גֶעשְׁרֵיי, אַייעֶר גֶעוֵויין, אַייעֶר טְרֶערְן, און אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן; אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן אַייעֶר שְׁטוּב בִּיז אַהֶער הַאלְטְס עֶס וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט אַנְדֶעקְט אַמֶערִיקֶע, אִיר הָאט גֶעטְרָאפְן בַּיי אַייעֶר מַאן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיר זֶעט וָואס עֶר קוּקְט, אִיר זֶעט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיר זֶעט וָואס פַאר אַ מַאן אִיר הָאט וְכוּ' -

זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל פַארְגֶעסְן וֶוערְן בַּיי אַייךְ און עֶר זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען חֵן אִין אַייעֶרֶע אוֹיגְן, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ בֶּעטְן פַאר אִים עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן דִי שְׂכַר פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס לַיידְן און שְׁווייגְן, נִישְׁטָא קַיין טִינְט און פַּאפִּיר צוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן וָואס וַוארְט זֵיי אוֹיבְן אִין הִימְל, בִּשְׁעַת זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶערִיסְן וֶוען זֵייעֶר מַאן אִיז שְׁוַואךְ און פַאלְט אִין נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳ - דָאךְ צֶעבְּרֶעכְן זֵיי נִישְׁט זֵייעֶר שְׁטוּב, זֵיי הַאלְטְן דִי שְׁטוּב מִיט צֵיין און נֶעגְל עֶס זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, זֵיי גֵייעֶן אָן מִיט אַ שְׁמֵייכְל כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

אַייעֶר מַאן אִיז אַ גוּטֶער, עֶר אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט; עֶר הָאט נִסְיוֹנוֹת, און מִיט תְּפִלָּה און סַבְלָנוּת, און מִיט אַייעֶר חָכְמַת נָשִׁים - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נִיסִים גְּלוּיִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען הֶפְקֵר, אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, בִּיסְט טַאקֶע אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען הֶפְקֵר, דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת טְרַאכְטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, אָבֶער דָאךְ דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, און מִיט תְּשׁוּבָה און הַכְנָעָה וֶועסְטוּ אַלֶעס קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

לֶערְן תּוֹרָה, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן, לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - דָאס וֶועט פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת און דִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה. אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט נִישְׁט בִּקְבִיעוּת אִין צַייט; וֶועסְט הָאבְּן אַזוֹיפִיל חִיזוּק, דַיין שַׁבָּת

וֶועט אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְזֶען אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, עֶס וֶועט דִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, דוּ וֶועסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ.

מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי וָואךְ אוּנְזֶער "יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים", אַ פְּלַאץ פַאר קִימְפֶּעטָארִינְס, זִיךְ אָפְּצוּרִיעֶן אוּן קוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת. דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל הֶעלְפְן זֵייעֶר, יֶעדֶער אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פַארְן יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים.

אוֹיךְ גְרֵייטְן מִיר זִיךְ שׁוֹין צוּ עֶפֶענֶען דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי אִין שְׁטֶעטְל, עֶס זָאל זַיין מַצּוֹת פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מֵהֵיכָן יֶרֶק זֶה חַי, ווִי אִיז דָא אַזוֹיפִיל גֶעלְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, אִין אַזַא קוּרְצֶע צַייט אִיז דָא מוֹסְדוֹת - פוּן אַ חֵדֶר בִּיז אַ סְקוּל בֵּית פֵיגָא, יְשִׁיבָה, כּוֹלֵל, בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אוּן מִקְוָאוֹת, אַ מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, יֶעצְט אַ יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים - פוּן וואוּ קוּמְט דִי גֶעלְט? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף וֶועם זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן, מִיר גֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַאנְקֶען אוּן מִיר בֶּעטְן". אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה.) אַ אִידֶענֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, זִי הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז זִי בּוֹיט אַ הוֹיז אוּן דִי הֶעלְצֶער וָואס הַאלְט דִי דַאךְ אִיז צוּ קוּרְץ, הָאט דֶער צַדִיק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר אָנְגֶעווָאונְטְשְׁן, דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא, פְּלִימוֹ זָאגְט: "אֲנִי רָאִיתִי אוֹתוֹ הַבַּיִת", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי דִירָה, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "בַּיִת זֶה", דֶעם הוֹיז "שֶׁקִּירָה רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ", אִיז וָואס רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעמַאכְט מִיט תְּפִלָּה; דָאס אִיז אוּנְזֶער סוֹד: 'תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה'.

קוּם צוּם שִׁיעוּר, וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לַאז זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יח, י): "מִגְדַּל עֹז שֵׁם ה'", ווִי אַ שְׁטַארְקֶער טוּרֶעם אִיז דִי נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בּוֹ יָרוּץ צַדִּיק וְנִשְׂגָּב" אִין אִים לוֹיפְט דֶער צַדִיק אוּן עֶר וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט.

דָאס אִיז דִי עֵצָה וואו זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צִיפֶּעדִיגֶע טֶעג, נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; זוּכְן אַ ווִינְקֶל וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן דָארְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ שְׁטַארְקֶע טוּרֶעם וואו מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוער לֶערְנְט אוּנְז דָאס? דֶער צַדִיק, "בּוֹ יָרוּץ צַדִּיק", דֶער צַדִיק זָאגְט: אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְנִשְׂגָּב", אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן שְׁטַארְק, ווַייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל אַזוֹי שְׁטַארְקְן מֶענְטְשְׁן בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ ווִי תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ, מֶען הָאט פוּן קֵיינֶעם קַיין מוֹרָא נִישְׁט, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לַאז זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶעס. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע, בִּיזְט נִישְׁט וֶוערְד קַיין קְרֶעכְץ".

...

## מֶען מֶעג זָאגְן אַ קִינְד אַ גוּט וָוארְט, אֲפִילוּ בֶּעסָאר עֶס קוּמְט זִיךְ אִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יט, יח): "יַסֵּר בִּנְךָ", שְׁטְרָאף דַיין זוּן, "כִּי יֵשׁ תִּקְוָה", ווַייל עֶס אִיז דָא אַ הָאפֶענוּנְג עֶר זָאל בֶּעסֶער וֶוערְן, "וְאֶל הֲמִיתוֹ", אוּן אִים שְׁלָאגְן מַכַּת רֶצַח - "אַל תִּשָּׂא נַפְשֶׁךָ", זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן.

מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר. "יַסֵּר בִּנְךָ", זָאג מוּסָר דַיין קִינְד, זָאג אִים: "יֵשׁ תִּקְוָה", דוּ הָאסְט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג; וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁוֶועריקֵייט פַאר קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ פַאר עֶרְוַואקְסֶענֶע, וֶוען זֵיי טְרַאכְטְן פוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרַאכְטְן זֵיי 'אִיךְ בִּין שׁוֹין סַיי וִוי דֶערְנָאךְ', 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין סַיי וִוי גָארְנִישְׁט זַיין'; דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען תְּשׁוּבָה טוּן. אוֹיךְ זֶענֶען דָא פֶעלֶער וָואס עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים זָאגְן גִיפְטִיגֶע רֵייד, זֵיי זָאגְן: "פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָארְנִישְׁט".

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, "יַסֵּר בִּנְךָ", זָאג אִים: "כִּי יֵשׁ תִּקְוָה", עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, "וְאֶל הֲמִיתוֹ אַל תִּשָּׂא נַפְשֶׁךָ", צוּ רֶעדְן וֶוערְטֶער וָואס הַרְגֶ'עט, וֶוערְטֶער פוּן מוּסָר וָואס צֶעבְּרֶעכְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דַיין וִוילְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, בּוֹי אוֹיף דִי רְצוֹנוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, גֶעבּ יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער. מֶען מֶעג זָאגְן אַ קִינְד אַ גוּט וָוארְט נָאךְ פַאר עֶס קוּמְט אִים, מֶען קֶען אוֹיסְבָּארְגְן, וַוייל בַּיי דִינֵי נְפָשׁוֹת גֵייט מֶען לְחוּמְרָא, אוּן אֵיין גוּט וָוארְט אִיז דִינֵי נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא אוּנְזֶער "פּוֹדֵינוּ וּמַצִּילֵנוּ"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע רֵיינֶע מַאגַאזִין "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל" וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס מִדֵּי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ, בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם לֵיין מַאטְרִיאַל, נָאר דִי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל, דָאס לֵיינֶען מִיר; עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, לֵיצָנוּתָא דַּעֲבוֹדָה זָרָה אוּן מִיט

חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן בְּנֵסַח הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ וִויל בַּאמֶערְקְן אַ קְלֵיינֶע בַּאמֶערְקוּנְג, פָארִיגֶע וָואךְ, פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם בְּלֶעטְל צְוֵויי וֶוערְטֶער, וָואס אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער שְׁרַייבֶּער וֵוייסְט נִישְׁט אַז דִי וֶוערְטֶער שְׁרַייבְּט מֶען נִישְׁט, עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק: "עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין פּוֹדֵינוּ וּמַצִּילֵנוּ"; דִי וֶוערְטֶער זָאגְן מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער אוֹיסְלֵייזֶער אוּן אוּנְזֶער הֶעלְפֶער, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ שְׁרַייבְּן "עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן" - טָאר מֶען דִי וֶוערְטֶער אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן.

שָׁמַעְתִּי אַז דֶער אוֹיסְדְרוּק קוּמְט פוּן מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים.

חַזַק וֶאֱמָץ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מְגַלֶּה זַיין וּמְפַרְסֵם זַיין פַאר אַלֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דִי אֱמוּנָה, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### כִּי טוֹב הַשֵּׁם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

מַזָל טוֹב פַאר עֶנְקֶער חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, אוּן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן.

לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט עֶנְק גֶעמַאכְט וָואלְט גֶעפַּאסְט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ, אַ קַבָּלָה טוֹבָה; טְרַאכְטְס אִינְאֵיינֶעם וָואס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען.

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען מֶען פְרֶעגְט מִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער אוֹיב אִיר ווילְט וויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ פָארְצוּלֵייגְן; אִיךְ טְרַאכְט דִי בֶּעסְטֶע קַבָּלָה פַאר עֶנְק אִיז זִיךְ פָארְנֶעמֶען, אַז בֵּיידֶע פוּן עֶנְק זָאלְן יֶעדְן

טָאג זָאגְן קַאפִּיטְל ק׳, ״מִזְמוֹר לְתוֹדָה״, אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק זָאלְט אִיר זָאגְן אוֹיךְ אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ: ״׳כִּי טוֹב הַשֵּׁם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, ׳לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׳, גוּטְס וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, נִישְׁט אוֹיף צַייטְוֵוייליג, ׳וְעַד דּוֹר וָדוֹר׳, אוּן אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת, ׳אֱמוּנָתוֹ׳, אִיז זַיין בַּאגְלַייבְּטְקֵייט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט״.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### רֶעדְן דְרֵיי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער אִיר הוֹיבְּט אָן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט זָאלְט אִיר בַּאשְׁטוּמֶען אַ צַייט פוּן דְרֵיי מִינוּט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת. נֶעמְט אַ זֵייגֶער, לֵייגְט עֶס אוֹיפְן טִישׁ אִין פָּארְנְט פוּן אַייךְ, אוּן רֶעדְט פַאר דְרֵיי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צֶעטֵיילְט דִי דְרֵיי מִינוּט אוֹיף דְרֵיי; דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; דִי צְוֵוייטֶע מִינוּט זָאלְט אִיר אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף; אִין דִי דְרִיטֶע מִינוּט זָאלְט אִיר אִים בֶּעטְן אַז דִי טָאג זָאל זַיין גוּט אוּן שֵׁיין, אָן קֵיין צַעַר, אָן קֵיין מַחֲלֹקֶת.

מִיר בֶּעטְן סוּכּוֹת: ״׳הוֹשַׁעְנָא׳, הֶעלְף מִיר, ׳שָׁלֹשׁ שָׁעוֹת׳, אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר צֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי מִינוּט״; וַוייל וֶוער עֶס טוּט אַזוֹי, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר דַאנְקְט, עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן עֶר בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער - דֶער לֶעבְּט אַ ׳גַן עֵדֶן׳ לֶעבְּן.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר מַאן, וֶוען אִיךְ זֶע אִים - הָאבּ אִיךְ נַחַת.

...

## אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ לֶעבֶּעדִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין חַבֵר ... שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶועֶרֶע טֶעג, בִּיסְט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת וְכוּ'.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁרֵיי אוּן שְׁרֵיי: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין קַטְנוּת הַדַעַת, אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ לֶעבֶּעדִיג, פְּרִישׁ מִיךְ אוֹיף, וֶועק מִיךְ אוֹיף".**

בְּרוּדֶער, מִיךְ מוּטְשֶׁעט מֶען אוֹיךְ. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן: "מֶען מוּטְשֶׁעט אִיטְלִיכְן, מִיךְ אוֹיךְ"; אִיךְ טוּ דָאס, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁרֵיי דִי וֶוערְטֶער הַנַ"ל.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ גֶעפִיל אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד
מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיו.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ שְׁמִירְן דִי אוֹיגְן; אִיר פְרֶעגְט אוֹיף וָואס אִיר הָאט גֶעהֶערְט דִי וָואךְ בַּיי דִי פְרוֹיעֶן שִׁיעוּר דִי הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירְן דִי אוֹיגְן, אִיר ווילְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס צוּ טוּן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אֵיידְל".**

אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

...

### אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע זִינְד, קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַיין טַאטֶע. אַ קִינְד קֶען אַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע זִינְד - קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

לָאז זִיךְ נִישְׁט אָפּ, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוּן מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר מִיט דֶעם; דֶער וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ, דֶער וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'; גֶעלְט הָאט קֵיינֶער נִישְׁט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁפִּיל, שְׁפִּיל דוּ אוֹיךְ דֶעם שְׁפִּיל - כְּאִילוּ דוּ הָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט; טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ עֶס יֶעצְט אִינְוֶועסְטִירְט', אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס.

אַלֶעס אִיז דִמְיוֹן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֱמֶת; יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה וָואס מֶען טְרַאכְט, אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה - אִיז עֶס דִמְיוֹן.

שַׁבָּת חֲנוּכָּה וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נֶעם זיך מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים, וֶועלְן דַיינֶע אוֹיגְן בְּלַייבְּן אָפְּגֶעהִיטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז - זָאלְסְט מִיטְנֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְּמָרָא - אוּן זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית י׃): ״תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁמְּהַלְּכִים בְּדֶרֶךְ וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תּוֹרָה רְאוּיִין לִשָּׂרֵף״, אַז מֶען גֵייט אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה - אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה פוּן וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט, אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס - וֶוערְן דִי אוֹיגְן פַארְבְּרֶענְט, אָבֶער מִיט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט. ״לְמִיגְרָס״, זָאגְן תּוֹרָה אוֹיפְן וֶועג - הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

נֶעם זִיךְ מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, תְּהִלִּים וְעוֹד - וֶועסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם אָן קַיין אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִין דִי צַייט וָואס דִי עֶסְן קָאכְט, קֶען מֶען צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דִי פְּרַאגֶע וָואס אִיז מֶער וִויכְטִיג, צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע נַאכְטְמָאל פַארְן מַאן, אָדֶער צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג; אַוַדַאי אִיז וִויכְטִיגֶער אַ וַוארֶעמֶע מָאלְצַייט, וַוייל צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער אִינְאֵיינֶעם.

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס קַיין קָאמְפְּלִיצִירְטֶע מָאלְצַייט; מַאכְט פָּשׁוּטְ'עֶ עֶסְן, וַוארֶעמֶע עֶסְן; אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן צַייט צוּ טוּן בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם, סַיי צוּגְרֵייטְן עֶסְן, אוּן אִין דִי צַייט וָואס דִי עֶסְן קָאכְט - קֶען מֶען צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ.

אוֹיף דִי פְּרַאגֶע וֶועגְן עֶרְמְל; דִי עֶרְמְל דַארְפְן צוּדֶעקְן דִי הֶענְט בִּיזְן בֵּיין, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם בֵּיין בַּיים עֶלְנְבּוֹיגְן, מֶען רֶעדְט דִי בֵּיין בַּיי דִי עֶנְדֶע הַאנְט, דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּנֶעם עֶלְנְבּוֹיגְן.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען מֶעג בֶּעטְן מֶען זָאל הָאבְּן פְּרִיעֶר פַאר דִי צַייט וְכוּ'; דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ אִיז בֶּעטְן עֶס זָאל זַיין גֶעזוּנְט, בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיט אַ וַוייבּ רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין. אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַ טֵייל קִינְדֶער, זֵיי קוּמֶען אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִין דִי מַאמֶע'ס בֶּעט, אוּן מִיט דִי צַייט גֵייט עֶס אַוֶועק.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ. מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דִי וַוייבּ, אַזוֹי קֶען מֶען דַאוֶועגֶען אוּן לֶערְנֶען, טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם. מִיר גֶעפִינֶען בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית לא, ג): "שׁוּב אֶל אֶרֶץ אֲבוֹתֶיךָ וּלְמוֹלַדְתֶּךָ וְאֶהְיֶה עִמָּךְ", גֵיי אַוֶועק פוּן לָבָן, גֵיי צוּרִיק צוּ דִי לַאנְד פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, הָאט יַעֲקֹב גֶערוּפְן זַיינֶע וַוייבֶּער אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם, ד): "וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב וַיִּקְרָא לְרָחֵל וּלְלֵאָה הַשָּׂדֶה אֶל צֹאנוֹ", יַעֲקֹב הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע וַוייבֶּער אִין פֶעלְד אוּן גֶערֶעדְט מִיט זֵיי; לִכְאוֹרָה, וָואס

אִיז דָא צוּ רֶעדְן? מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט; יַעֲקֹב וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זָאגְן "מֶען גֵייט" אוּן שׁוּין, אָן רֶעדְן, אָן שְׁמוּעֶסְן; נָאר דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז דִי וֶועג וִוי צוּ טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, מִיט אַ וַוייבּ רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קֵיינֶער, אוּן טַאקֶע קֵיינֶער, קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען דִיר הֶעלְפְן; דֶערִיבֶּער, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נָאכְלוֹיפְן מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ חַנְפָה'נֶען צוּ מֶענְטְשְׁן - וֶוען קֵיינֶער, אוּן טַאקֶע קֵיינֶער - קֶען דִיר סַיי וִוי נִישְׁט הֶעלְפְן?! לוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד מִיט אִים, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד; אִיךְ מוּז צָאלְן מַיינֶע מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ קֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִי מוֹסָד וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער וָואכְן אָן בַּאצָאלְן. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט יֶעצְט, צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים. נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין מָאנְסִי שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד, אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אֵיינֶע פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע צוּ גֵיין בַּיינַאכְט שַׁאפְן גֶעלְט, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר.

מֶען דְרוּקְט מִיךְ פוּן הִימְל צוּם וַואנְט אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל זֶען אַז קֵיינֶער טַאקֶע קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן

אוֹיף מֶענְטְשְׁן; ווארויל אִיז דֶעם וָואס פַּארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֵייט יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶנְג עֶס אִיז אִים; דֶער אִיז אַ גֶעהָאלְפֶענֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז עֶס דְרוּקְט נָאכְאַלְץ, זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל בֶּעטְן; בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען אַ נֵס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז עֶס אִיז דִיר עֶנְג - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶס דְרוּקְט נָאכְאַלְץ - זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען אַ נֵס, עֶס וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער.

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, הָאסְט שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ צַייטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶען נִיסִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט רְפוּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי פֶערְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט רְפוּאוֹת.

וָואס אִיר דַארְפְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס גוּטְס וָואס עֶר מַאכְט מִיט אַייךְ.

יֶעדֶעס מָאל אִיר עֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים - זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען אַ מַאמֶע שְׁרֵייט, בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אַ מַאמֶע שְׁרֵייט - בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל; אֲפִילוּ מֶען הָאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן מֶען הַאלְט מֶען אִיז גֶערֶעכְט - טָאר מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא, עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דִי תּוֹרָה גְלַייכְט צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן - צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן (מְכִילְתָּא פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, פַּרְשָׁה ח); דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאגְט: "מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר אוּן מִיךְ מְכַבֵּד זַיין", אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער, "דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין".

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כו) "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן".

וֶוען מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ 'כֶּתֶר'; עֶנְטְפֶער נִישְׁט וֶוען דוּ בַּאקוּמְסְט אַ בִּזָיוֹן, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר אַרַיין אָדֶער שְׁרֵייעְן דִיךְ אָן - זָאלְסְטוּ פַארְמַאכְן דִי לִיפְּן, פַארְמַאכְן דִי מוֹיל; שְׁטֵיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים דַיין וֵוייטָאג, דֶערְצֵייל אִים דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה דַיינֶע, אַז דַיינֶע

עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער; גְלֵייבּ מִיר, דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי גוּט שְׁפִּירְן, אַ לִיכְטִיגְקֵייט וֶועט דִיךְ אַרוּמְנֶעמֶען, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַבִּיסְל פוּן דִי טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ טַאטֶע מַאמֶע טֵיילְט מֶען נִישְׁט אַיין וָואס צוּ טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר אוּן אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר.

אַ טַאטֶע מַאמֶע טֵיילְט מֶען נִישְׁט אַיין וָואס צוּ טוּן; אֲפִילוּ דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאגְן מֶען מוּז טוּן אַזוֹי, אוּן מֶען מוּז זֵיי אַיינְטֵיילְן.

אַז דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאגְן דִיר זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן דִי מַאמֶע וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן וֶוען זִי וִויל קוּמֶען - זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיפְנֶעמֶען מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאזְט נִישְׁט אַרַיין בַּיי אַיךְ אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערֶע קָאפְּלְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט נִישְׁט מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן, אַ וואוּילֶער מַאן, אַ יְרֵא שָׁמַיִם; מִיט אִים רֶעדְט אוּן מִיט אִים

פַארְבְּרֶענְגְט. עֶס אִיז זֵייעֶר עֶקֶלְדִיג אַז אַ פְּרוּי רֶעדְט, שְׁמוּעֶסְט אוּן לַאכְט מִיט אַ פְרֶעמְדֶער מַאן, אוּן דֶער סוֹף קֶען זַיין גָאר בִּיטֶער.

לָאזְט נִישְׁט אַרַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערֶע קָאפְּלְס, אוּן אַז אַייעֶר מַאן קֶען נִישְׁט זָאגְן נֵיין - זָאלְט אִיר זַיין דֶער שְׁטַארְקֶער וָואס זָאגְט נֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

כָּל זְמַן דוּ טְרַאכְסְט אַז דַיין הִילְף וֶועט קוּמֶען פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם - וֶועט דִיר זַיין בִּיטֶער בִּיטֶער, "שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם" (תְּהִלִּים ס, יג), דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן - נוּ וִוי קֶען עֶר דִיר הֶעלְפְן?! וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט גוּט אַיינְקְרִיצְן אִין דִיר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען דִיר הֶעלְפְן אוּן נָאר עֶר הֶעלְפְט דִיר - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע טַעַם אִין לֶעבְּן.

גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן וֵויין זִיךְ גוּט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת - וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת יְשׁוּעָה, סִימָן ג): "עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת בָּא יְשׁוּעָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טוּ אַלֶעס צוּ קֶענֶען צָאלְן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וִוי קֶען זַיין אַז פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן הָאסְטוּ גֶעלְט, אָדֶער בָּארְגְסְטוּ וְכוּ׳ -

און פַאר שְׂכַר לִימוּד, אַז דַיינֶע זין זָאלְן הָאבְּן מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט זֵיי און דַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן הָאבְּן לֶערֶערִינְס - פַאר דֶעם הָאסְטוּ נִישְׁט? ווִי מֶעג זַיין אַזַא זַאךְ?!

אִיךְ פְרֶעג אַ אִינגֶערְמַאן אִין שְׁטֶעטְל, הָאסְט גֶעמַאכְט שֵׁיינֶע פֶּעיְוְומֶענְט אַרום דַיין הוֹיז, הֲיִתָּכֵן וֶוען דוּ קוּמְסְט פַאר דִי מוֹסָד גֶעלְט פַאר שְׂכַר לִימוּד - גֶעבְּסְטוּ אוֹיס גֶעלְט פַאר דִי זַאכְן? גֵייסְטוּ בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן? מֶען קֶען לֶעבְּן אָן פֶּעיְוְומֶענְט, מֶען קֶען לֶעבְּן אָן שֵׁיין מַאכְן דִי הוֹיז; אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט אַלֶעס טוּן צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֵיינְמָאל אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִיר שׁוֹין הָאבְּן אַלֶעס**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייךְ, אוֹיךְ דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' רֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אַייךְ.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה; וַוייל אֵיינְמָאל אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועט אִיר שׁוֹין הָאבְּן אַלֶעס. בֶּעטְס אוֹיף שִׂמְחָה, און גֵייט שֵׁיין אָנְגֶעטוּן, אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן; וַוארְפְט אַוֶועק דִי פְּרִיצוּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן און פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**די בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט הוט און רֶעקְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

פַארְלַאנְג פון אַלֶע בָּחוּרִים צוּ גֵיין בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט הוט און רֶעקְל; מוֹהֲרַא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן יָארְן צוּרִיק אִיךְ זָאל זֶען בַּיים דַאוֶוענֶען זָאלְן די בָּחוּרִים גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

לֶערְן אוֹיס די בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן, דָאס טוּ אִיךְ שׁוֹין זִיבֶּעצְן יָאר אָן אוֹיפְהֶער; אַמָאל גֵייט מֶען מֶער שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער בְּעִיקָר דַארְף מֶען גֵיין מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט.

אַז דוּ וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן די תַּלְמִידִים וֶועלְן זֵיי אָנְנֶעמֶען דַיינֶע רֵייד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַצְלִיחַ זַיין מִיט די תַּלְמִידִים, זֵיי מַאכְן פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיין זוּן ...., אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט די תַּלְמִידִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט די תַּלְמִידִים, זֵיי מַאכְן פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז גָארְנִישְׁט דָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי הָאסְטוּ גוּט גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט שְׁטִיל גֶעמַאכְט דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל בַּיים שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ ווִיל דִיךְ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיבּ דוּ זֶעסְט בַּיי דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר וָואס מֶען הַאלְט מִיט בַּיי עֶנְק דוּרְךְ אַ לֵייוְו הוּק-אָפּ, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דִי וָואס שְׁמוּעֶסְן אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין שְׁמוּעֶסְן אִינְדְרוֹיסְן. אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים שִׁיעוּר ווִיל אִיךְ נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר, וַוייל "דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"; אָדֶער זִיצְט מֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז נִישְׁט - זַיי מְבַטֵל דֶעם לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר בַּיי עֶנְק, אוּן וֶוער עֶס ווִיל מִיטְהַאלְטְן - זָאל פְּרִיוַואט אִין שְׁטוּבּ מִיטְהַאלְטְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער אַז וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט, אָדֶער אַ מַאמֶע רֶעדְט - דַארְף מֶען זַיין שְׁטִיל. שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה וֶוען דוּ הוֹיבְּסְט אָן רֶעדְן - זָאלְסְטוּ דֶערְמַאנֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער: "וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט - טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן", "וֶוען אַ מַאמֶע רֶעדְט - טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן".

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין קְלַאס, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִידוֹת פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַכְנָסַת אוֹרְחִים דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ טוּן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ הָאף דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

בְּנוֹגֵעַ דִי גַאסְט וְכוּ'; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען מַאכְט דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים - דָאס צוּ טוּן רִיכְטִיג. רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי שַׁבָּת סְעוּדָה אַ גַאסְט, אוּן זַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ"; הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט צְוֵויי וִוּיכְטִיגֶע זַאכְן: "פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען נָאר גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין לֶערְנֶען, נִישְׁט סְתָּם אוֹרְחִי פּוֹרְחֵי, וְוִידֶער 'אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!'" זֶעט מֶען צְוֵויי זַאכְן, עֶרְשְׁטְנְס וֶועלְכֶע סָארְט גֶעסְט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען, אוּן צְוֵוייטְנְס - נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער.

וֶוער וָואס שְׁנֶעלֶער פָּטוּר פוּן דִי מֵיידְל; נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין מֵיידְלֶעךְ, זוּךְ זִיךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, זִי אִיז אַ קְרַאנְקֶע; אַז זִי זָאגְט דִי דַייטְשֶׁע וֶועלְף זֶענֶען גֶעוֶוען גֶערֶעכְט פַארְן פַארְבְּרֶענֶען זֶעקְס מִילְיָאן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזַא אֵיינֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ. בִּכְלַל אִיז נִישְׁט כְּדַאי פַאר אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעסְט צוּ שְׁלָאפְן.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, שְׁפָּאר נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, הֶעלְף אִיר מִיט דִי שְׁטוּבּ ווִירְטְשַׁאפְט - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט טוּישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט אִין שְׁטוּבּ צוּ דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר, דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - וֶועט אָנְהוֹיבְּן קוּמֶען שֶׁפַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט) אַז גֶעלְט, עֲשִׁירוּת - קוּמְט נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; אַז מֶען שְׁרֵייט, מֶען אִיז נֶערְוֶועז - שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ דִי שֶׁפַע.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי קְלֵיינֶע בְּרִיוֶועלֶע וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן הָאָרֶץ. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט, דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר וַוייל דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן 'וואוּ אִיז דִי שֶׁפַע? וואוּ אִיז דִי פַּרְנָסָה?' וֶוען אַלֶעס הָאט אַ סִיבָּה, דוּ אַלֵיין דַארְפְסְט זִיךְ טוּישְׁן, דוּ דַארְפְסְט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בַּאשֶׁעפֶער, דוּ גֶעבְּסְט מִיר נָאר גוּטְס, אוּן אִיךְ בִּין נָאר פוּל מִיט טַעֲנוֹת?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָארְגְן נַאכְט צִינְדְט מֶען שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט יֶעצְט גֵיין פַאר אַפָּאר מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מִיט מִיר? וָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעצוֹיגְן? וָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי בְּקַטְנוּת הַדַּעַת? אִין אַזַא צִמְצוּם? וואוּ אִיז מַיין אֱמוּנָה? וואוּ אִיז מַיין בִּטָּחוֹן? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ גֶעבְּסְט מִיר דָאךְ נָאר גוּטְס, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר אוּן אִיךְ בִּין נָאר פוּל מִיט טַעֲנוֹת? הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, זַיי

מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר; וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן זַיין אַ מַכִּיר טוֹבָה? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דִיךְ לוֹיבְּן? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ כְּפוּי טוֹבָה, אִיךְ רֶעד מִיךְ אָפּ, אוּן אִיךְ זָארְג אוּן זָארְג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז מִיט מִיר".

עֶפֶּעס אַ טוּישׁ דַארְף גֶעשֶׁען; דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט אַזַא נֶערְוֶועזְקֵייט, דִי קִינְדֶער צִיטֶערְן פוּן דִיר, דוּ דַארְפְסְט עֶמֶערְדְזְשֶׁענְסִי גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי כַּעַס אוּן עַצְבוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, תְּמִימוּת, אוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן מַיין ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר קוּמְט אַהֵיים מָלֵא וְגָדוּשׁ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט תְּמִימוּת, מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; עֶר גֶעבְּט אִיבֶּער יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִיר, עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ צוּ גֵיין דִי יָאר אִין חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן, בִּזְכוּת דִי מִי אוּן פְּלָאג וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן הַצְלָחָה מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט נַאכְט אִיז חֲנוּכָּה, מֶען גֵייט אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט. עֶס

שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים, דִי סִטְרָא אַחֲרָא זוּכְט דַּיְקָא אִין דִי הֵיילִיגֶע צַייט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֹחַ, דִי מְנוּחָה, דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת, דִי גֶעפִילְן; זֵיי שְׁטֶעלְן אוּנְטֶער שְׁפִּיצְלֶעךְ מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוּן פַארְלִירְן אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קוּמֶען צוּ כַּעַס, זַיי זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אַלֶעס זָאל גֵיין וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, דוּרְךְ גָארְנִישְׁט וֶועלְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "וִויל וִוי עֶס גֵייט - וֶועט גֵיין וִוי דוּ וִוילְסְט", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): "בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, כְּדֵי שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנְךָ", דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי וֶוערְטֶער 'וִויל וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט - וֶועט אַלֶעס זַיין וִוי דוּ וִוילְסְט'; גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּם אַהֵיים אָן נֶערְוֶוען, לָאז אִיבֶּער דִי פֶּעקְל נֶערְוֶוען אִין קַאר, אִין אָפִּיס, בְּרֶענְג עֶס נִישְׁט אַהֵיים. אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט, זַאכְן זֶענֶען וַוייט פוּן טְרַאכְטְן פוּן אָנְגְרֵייטְן בִּכְלַל דִי מְנוֹרָה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז בְּכַעַס - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען צִינְדְן מִיט שִׂמְחָה, זָאלְסְט שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ גֶעבְּן הַיינְט נַאכְט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה וֶועל אִיךְ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַאךְ נִישְׁט קַיין אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מַצָּב אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ לַיידְט פוּן דִיר, אוּן נָאךְ מֶער לַיידְט זִי וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע צַייטְן ווִי שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב; דוּ מַאכְסְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פַאר אֵיין שְׁטִיק נֶערְוֶוען, דוּ פַארְלַאנְגְסְט דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען, דוּ פַארְלַאנְגְסְט פוּן אִיר זִי זָאל זַיין גְרֵייט וֶוען דוּ וֶוערְסְט גְרֵייט, אוּן אַז זִי קֶען נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן גְרֵייט וֶוען דוּ וֶוערְסְט גְרֵייט - הֵייבְּסְטוּ אָן שְׁרַייעֶן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי קִינְדֶער כַאפְּן אַ שְׁרֶעק, דוּ מַאכְסְט מְשׁוּגָע דִי גַאנְצֶע הוֹיז.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, מַאךְ נִישְׁט קַיין אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מַצָּב אִין שְׁטוּבּ, חֲנוּכָּה אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט, שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז אַ צַייט וָואס דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה קוּמְט אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אוּן מִיט כַּעַס פַארְטְרַייבְּט מֶען אִיר.

אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן זַאכְן פְלִיעֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זֵכֶר פוּן חֲנוּכָּה - זָאלְסְטוּ אַרוֹיפְבֵייגְן דַיינֶע עֶרְמְל אוּן הֶעלְפְן; הֶעלְף אִיר מִיט דִי קִינְדֶער, הֶעלְף רוֹימֶען דִי שְׁטוּבּ מִיט שִׂמְחָה.

אֶפְשָׁר וַוייל דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין דַיין גֶעלְט?

**גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ מִיט דִי נֶערְוֶוען אוּן אִיךְ גִיס עֶס אוֹיס אִין שְׁטוּבּ, הַצִּלֵינוּ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ״.**

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן פוּן הַיינְט אָן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ - וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## גֵיי נָאךְ גֶעלְט אוּן בְּרֶענְג עֶס אִין אָפִּיס פוּן דִי מוֹסָד צוּ צָאלְן מְלַמְּדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי נָאךְ גֶעלְט אוּן בְּרֶענְג עֶס אִין אָפִּיס פוּן דִי מוֹסָד, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן צָאלְן מִיר נִישְׁט דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, דִי אָפִּיס זָאגְט אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַארְן גֶעבְּן כִּמְעַט בְּחִנָּם קֶעמְפּ פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג, אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ דַארְף צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם. אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן דָאס בְּרֶענְגֶען אִין אָפִּיס אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט פְּרִיוַואט אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה וִוי גֶעבְּן פַאר דִי מוֹסָד; אִיךְ מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם צְדָקָה, אָבֶּער וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פְּרִיוַואט אִיז דָאס סַךְ הַכֹּל פַאר דִי מֶענְטְשׁ, פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט דִי זְכִיָ' צוּ הֶעלְפְן אַ חֵדֶר, אַ יְשִׁיבָה, אַ סְקוּל - הֶעלְפְּט אַ רַבִּים, הֶעלְפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע מִצְוָה - גֶעבְּן פַאר אַ מוֹסָד, עֶס אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ.

אִיךְ וֶועל וַוייטֶער טוּן וָואס מוֹהֲרַ"ן הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע, מִיר זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פִּיגָא.

גֵיי צִינְד דִי מְנוֹרָה מִיט שִׂמְחָה; אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס וָואס דו טוּסְט מִיט מַיין זוּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס וָואס דו טוּסְט מִיט מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן הַצְלָחָה. אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...